UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Avrum Golomb Der Pedagog / Abraham Golomb the Pedagogue

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3wn6m8sd

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
S., R.

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ר. ס. (אַ געוועזענע תלמידה)

# אברהם גאָלאָמב, דער פּעדאַגאָג

יענע ווייטע, פאַרשוווּנדענע יאָרן, בעתן לערנען אין ווילנער לערער־סעמינאַר, קען מען ניט צוריקברענגען. אין זכרון זיינען אָבער געבליבן טיף איינגעקריצט פּעדאַגאָגישע אידעען וואָס זיינען געווען אונדזערע וועגווייזערס במשך פון די לאַנגע יאָרן פון אונדזער אַרבעט אין יידישע אָדער העברעישע שולן. אָט ווי פייערלעך וואָס באַלויכטן אין דער נאַכט דעם פינצטערן וועג און פירן דעם וואַנדערער, אַזוי איז געווען אונדזער אָנשפּאַר אויף דער פּעדאַגאָגישער ירושה וואָס מיר האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך במשך פון די פינף יאָר פון אונדזער לערנען און גרייטן זיך צו זיין יידישע לערערס. אברהם גאָלאָמב איז געווען אונדזער דירעקטאָר און אָנפירער סיי פון די טעאָרעטיש־פּעדאַגאָגישע לימודים, סיי פון דער פּראַקטישער אַרבעט אין דער מוסטער־שול. מיר האָבן דאָס אַלץ שפּעטער גוט אויסגענוצט אין אונדזער אַרבעט אין דער שול. ניט אומזיסט האָט מען זיינע געוועזענע תלמידים און שפּעטערדיקע לערערס גערופן גאָלאָמביאַנער, אָדער גאָלאָמביסטן.

לערערס, האָט ער מיט אונדז איינגעטענהט, איז די העכסטע קונסט. אַ לערער, האָט ער געזאָגט, איז גרעסער פון אַ סקולפּטאָר. בעת דער סקולפּטאָר קנעט פיגורן פון ווייכן טויטן ליים, פורעמט דער לערער דעם גייסט און די נשמה פון לעבעדיקע, צאַרטע קינדער. גאָט באַהיט, דער לערער זאָל ווערן אַ בעל־מלאכה און דערשטיקן אַלע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון קינד. דער עיקר איז די דערציונג פון תלמיד, דאָס האָדעווען און אַנטוויקלען דעם מענטשן אין קינד און דעם ייד אין דעם מענטשן. אַן אַנטוויקלטער גייסט פון אַ מענטשן איז געגליכן צו אַ פאַבריק וואָס פּראָדוצירט. וואָס? געדאַנקען, אידעען, עמאָציעס און טעטיקייטן. דאָס אַלץ וואָס די שול גיט איז דעריבער געגליכן נאָר צו רוי־שטאָפן, וואָס פון זיי פּראָדוצירט די פאַבריק אירע שאַפונגען. פּונקט ווי אַ מאַשין מוז האָבן רוי־שטאָף, ווייל אָן דעם וועט זי אַרבעטן ליידיק און פאַרברענען זיך אַליין, אַזוי איז אויך מיט דעם מענטשן: זיין גייסט, זיין מוח מוז קריגן דעם „רוי־שטאָף". דאָס גיבן די לימודים, די פּראָגראַמען.

דאָס וויסן אַליין קען נאָך ניט אַנטוויקלען, דערציען. דאָס איז אָפּהענגיק מער פון די מעטאָדן וואָס ווערן גענוצט. וויסנס, אויסגעלערנטע פאַקטן, וואָס ווערן ניט „איבערגעאַרבעט", זיינען געגליכן צו עסנוואַרג וואָס בלייבט ליגן אַזוי מאָגן ניט איבערגעקאָכט, צו רוי־שטאָף וואָס די מאַשין קאָן ניט איבעראַרבעטן. דער ערשטער עטאַפּ פון איבעראַרבעטונג איז דאָס צונויפּהעפטן און צונויפבינדן די באַזונדערע לימודים אין איין גאַנצקייט — די באַזונדערע פעדים אין איין געוועב.

די פאַרשידנקייט פון די לימודים גיט אויך אַ מעגלעכקייט איטלעך קינד צו געפינען דאָס וואָס אינטערעסירט אים מער. יעדעס קינד איז דאָך אַן אוניקום, אַ וועלט פאַר זיך. דאָס וואָס איינעם אינטערעסירט שטאַרק, איז פאַר אַ צווייטן נודנע. ווען עס אינטערעסירן מער די עקזאַקטע לימודים ווי מאַטעמאַטיק, פיזיק און אַ צווייט קינד אין זעלבן עלטער און סביבה האָט גאָר הומאַניסטישע אינטערעסן. דאָך אָבער מוזן די פאָרמען פון לערנען, די מעטאָדן, האָבן אין זינען אַז די עקזאַקטע לימודים דאַרפן אין פּראָצעס פון לערנען אַנטוויקלען די הומאַניסטישע פעיקייטן פון תלמיד און די הומאַניסטישע זאָלן געבן אויך עקזאַקט וויסן.

מען דאַרף תמיד געדענקען אַז „אויסלערנען" איז קיין מאָל ניט מעגלעך. ניטאָ קיין „גענוג" אין וויסן. ניט נאָר איז תורה געגליכן צו אַ ים; נאָר אויך יעדער וויסן יעדער געביט פון קולטור. און דערפאַר איז אַלע מאָל ניט אַזוי דער סכום פון וויסן וואָס, נאָר ווי זיי פאַרבינדן זיך, ווי זיי פלעכטן זיך צונויף צווישן אַנאַנד און ווי זיי פאַרקניפּן זיך מיט דעם גאַנצן גייסט פון קינד בכלל. דורך דעם וועט אויך דער אינהאַלט, וואָס איז פאַר דעם

געגעבענעם תלמיד אינטערעסאַנטער זיך צו פאַרבינדן מיט די וויניקער אינטערעסאַנטע און שאַפן די גאַנצקייט פון דער פערזאָן. קיין מאָל — האָט ער מיט אונדז איינגעטענהט — ניט שטעלן אונדזערע תלמידים קיין פראַגן פון יאָ אָדער ניין. ניט אָנפּאַקן די קעפּ פון אונדזערע תלמידים מיט פאַקטן וואָס זיינען געגליכן צו הויפנס אָנגעוואָרפענע ציגל; מעגן די ציגל זיין די בעסטע, איז עס ניט קיין גאַנצע געביידע.

אַ ריכטיק לערנען וועט זיין ווען די תלמידים וועלן קענען פון יעדער לימוד, פון יעדער מעטאָדישן איינס אַרויסנעמען די צענטראַלע אידעע, ווען זיי וועלן קענען מאַכן אויספירן פון דעם געלערנטן פאַר דעם נאָך ניט געלערנטן, מעג עס זיין ליטעראַטור, געשיכטע, מאַטעמאַטיק, אָדער געאָגראַפיע; ווען זיי וועלן קענען דאָס געלערנטע פון איין געביט אַסאָציאירן און פאַרבינדן מיט דעם צווייטן געביט. מען לערנט אָפט מיט קינדער זאַכן און זיי האָבן ניט קיין אַנונג צו וואָס און צו ווען דאָס קען זיי נוצן און ווי דאָס צו פאַרווענדן אין זייער לעבן. לערנען קינדער, למשל, אַלגעברע; זייער גוט, אָבער וואָס פאַר אַ זינען האָט עס דאָס צונויפרעכענען די באַזונדערע סימבאָלן? צי קען מען דאָס פאַרווענדן ערגעץ אין אַ וואָסער עס איז געביט אין לעבן? מען לערנט געשיכטע, זייער וויכטיק! אָבער וואָס אָט די אַלע געשיכטלעכע פאַקטן גיבן אונדז צו פאַרשטיין אין אונדזער היינטיקן לעבן? וואָס זיינען די אַלגעמיינע געזעצן פון די אַלע געשיכטלעכע דערשיינונגען און פּראָצעסן? וואָס פאַר אַ אויספירן קענען מיר מאַכן פון די אַלע געלערנטע פאַקטן און געשעענישן? אָן דעם האָט דאָס גאַנצע לערנען, די גאַנצע פּראָגראַם קיין שום דערציערישע ווערט ניט. עס איז ווידער אַמאָל נאָר אַ גרויסער באַרג מיט אָנגעוואָרפענע, אָנגעשאָטענע ציגל, וואָס ליגן און קרישלען זיך ביז עס וועט געשען דאָס אמתע גליק און מען וועט עס פאַרגעסן.

מען האָלט כסדר אין איין איבערחזרן: „די פאַרגאַנגענהייט לערנט אונדז ווי צו לעבן אין דער צוקונפט." אָבער ווו זיינען די אויספירן וואָס מיר מאַכן פון דער יידישער געשיכטע? דאָס לאָזט מען אויף שפּעטער און דערווייל — נאָר כראָנאָלאָגיעס, נעמען, פאַקטן, און ביז עס קומט צו די אויספירן פאַרגעסט מען די פאַקטן. מען לערנט געאָגראַפיע: ווידער נעמען און נעמען; אינדזלען און האַלב־אינדזלען אין דער גאַרער וועלט; ימים, איינגוסן און אויסגוסן און דורכגוסן, בערג און טאָלן, טייכן און אָזיערעס — אַלץ נעמען און נעמען. און צו וואָס דאַרף מען זיי? מען וועט עס במילא פאַרגעסן. די לערער אַליין וויסן אָפט ניט דעם דערציערישן זינען פון דעם לימוד וואָס זיי לערנען. כ'גלייב אַז דער ציל פון אַלע לימודים ליגט אין דעם מענטשן, אין דעם קינד גופא. זיי, די לימודים, זיינען די שאַרפשטיינער, וואָס אויף זיי שאַרפט מען, שלייפט מען די גייסטיקע כוחות פון קינד.

דאַרפן זיין קלאָר פאַרן לערער צוויי פּרינציפּן: מען דאַרף פירן דעם לימוד אַזוי, דער תלמיד זאָל קענען באַנעמען די גרונט־אידעען פון דעם וואָס ער לערנט; דעם סדר, די רעגלמעסיקייט און די געזעצמעסיקייט. דער לימוד דאַרף זיין פאַרן תלמיד ניט עפּעס אַ חוב, אַ מוז, וואָס ער איז געצוווּנגען צו לערנען, ווייל אַזוי האָט מען געהייסן, נאָר ער דאַרף תמיד פילן: אָט איז אַזאַ גרויסע וועלט, אין איר אַזוי פיל סודות, און אָט העלפט מיר דער לערער עפּעס דערוויסן זיך, אַנטפּלעקן איין סוד פון אַ סך. צווייטנס, דאַרף דער תלמיד בעתן לערנען שוין דערפילן די קרובהשאַפט, די ענלעכקייט צווישן פאַרשיידענע אידעען, צווישן פאַרשיידענע געביטן וואָס מען לערנט אים. עס עפנט זיך פאַר אים כסדר עפּעס אַ נייער סוד אין אַ נייעם ווינקעלע און דער לערער העלפט עס אים מאַכן די אַנטפּלעקונגען און צונויפבינדן אַל דאָס אַנטפּלעקטע אין איין גאַנצקייט, ניט קיין כאַאָס און ניט קיין פּלאָנטער. ווען קינדער באַנעמען די אידעען פון געלערנטן און ווען מען העלפט זיי דאָס פאַרבינדן מיט דעם אַל דעם פריער געלערנטן, דעמאָלט וועלן זיי קענען געפינען דאָס געמיינזאַמע.

דער לערער דאַרף כסדר פאַרטיפן די פּראָבלעמען. נייע און נייע אידעען דאַרפן אַנטפּלעקט ווערן און יעדער לימוד דאַרף

העלפן געפינען דעם וועג צו זיין און צו דעם אחד פון זיי אַלע צוזאַמען. דאָס דאַרף גיין אין פּראָגרעסיע פון איינפאַכע צו קאָמפּליצירטע. אפילו לערנענדיק די דעטאַלן מוז זיין אַ פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע פאַקטן. די פּראָגראַמען זיינען אַליין פאַר זיך גאַנצע קופּעס מיט באַזונדערע פאַקטן און דאָס לערנען דאַרף פון אַלץ שאַפן אַ גאַנצן בנין. עס מוז דעם תלמיד קלאָר ווערן אַז אָט די אַלע דערשיינונגען און עלעמענטן זיינען ניט איזאָלירט; זיי זיינען אַלע רינגען אין איין קייט, אין איין גאַנצקייט. דאָס וויכטיקסטע אין לערנען איז תמיד צו פאַרטיפן און אויסברייטערן די פּראָבלעמאַטיק פון דער וועלט און די צענטראַלע אידעען וואָס פאַרבינדן אָט די אַלע פאַרשיידנקייטן: דעם אחד און דער פילפאַכיקייט פון דעם אַלץ גרעסערן און ברייטערן אַרום.

אין פּראָצעס פון לערנען דאַרף פאָרקומען אַ טראַנספער פון אידעען, פּראָבלעמען; פון געזעצן און פּרינציפּן. זיי זיינען ווי די שנור וואָס האַלט צונויף די באַזונדערע פּערל זיי זאָלן זיך ניט צעשיטן; זיי זיינען דער צעמענט וואָס קלעפּט צונויף די באַזונדערע ציגל אין איין גאַנצן בנין. לערער טאָרן ניט באַלאָדן נאָר דעם זכרון פון די קינדער. מען טאָר ניט לערנען ניט צו געדענקען, נאָר דער עיקר צו דענקען. בכן — ניט די פּראָגראַם איז דער עיקר, נאָר דער מעטאָד; ניט מעכאַנישע אַרבעט אין קלאַס, נאָר די גייסטיקע אַקטיווקייט פון די קינדער אויף די לעקציעס.

אָט דאָס קענען סטימולירן די אינטערעסן, וועקן כסדר די וויסנגיריקייט איז אומגעהויער וויכטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אויפמערקזאַמקייט, קאָנצענטראַציע, דערוואַרטונג און געשפּאַנטקייט. יעדער עלטער האָט זיין כאַראַקטעריסטישן אופן צו באַנעמען די וועלט. דער לערער דאַרף קענען מיטגיין מיטן קינד און ניט וועלן אַז דאָס קינד זאָל מיטגיין מיט אים. און — נאָך ערגער — איבערחזרן דעם לערערס ווערטער. אַלע מאָל דאַרף אָבער דער לימוד געפירט ווערן אַזוי, אַז דער תלמיד זאָל האָבן דאָס געפיל ווי ער אַליין וואָלט דערפונדן די אויספירן וואָס דער לערער וויל אַרויספירן. אַלע מאָל דאַרף צוערשט קומען דאָס אינטואיטיווע אויפנעמען דעם פּראָבלעם און ערשט שפּעטער דאַרף קומען די דיסקורסיווע, לאָגיש־שכלדיקע באַהאַנדלונג פון דעם געביט.

ווי אַזוי מיר, די סעמינאַריסטן, האָבן געפּרוווט אַנצווווענדן פּראַקטיש גאָלאָמבס טעאָריעס אין דערציונג; אונדזערע שטרויכלונגען, דורכפאַלן, אומבאַהאָלפנקייט און ביי אַ סך אפילו טרערן — וועגן דעם וואָלט מען געדאַרפט שרייבן אַ גאַנצן באַזונדערן אַרטיקל וועגן דער מוסטערשול און אונדזער פּראַקטישע אַרבעט אין איר.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:
G. FRYDMAN
337½ North Hayowrth Ave. Los Angeles, Calif. 90048
Phone: 655-1292
פאַרוואַלטונג „חשבון“